STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11779

# 20 YOR KULTUR-KONGRES UN 10TE LAND-KONFERENTS

Alveltlekher Yidisher kultur-kongres

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# 20 יאָר קולטור - קאָנגרעס

און

## Xטע לאַנד־קאָנפערענץ

דעם 15טן, 16טן און 17טן נאָוועמבער 1968

בוענאָס־איירעס 1968





1860 - 1942

# 20 יאר אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאנגרעס

עטלעכע חדשים נאך דעם אויפקום פון באנייטן מלכות ישראל איז אין ניו־יארק געשאפן געווארן דער קולטור־קאנגרעס. אין יענער צייט, ווען דער קולטור־קאנגרעס איז געשאפן געווארן, האט נאך אנגעהאלטן דער „האניק־חודש" צווישן ציוניזם און די יידישע קאמוניסטן, וועלכע האבן פון גראמיקא און צאראפקינען באקומען דעם הכשר זיך צו רעקלאמירן ווי „שותפים" צו דער נייאנטשטאנענער מדינה. מחמת שווערע פעלערן וואס די יידישע אינטעליגענץ איז אמאל באגאנגען און מחמת די קאמוניסטן האבן זיך אין די גראמיקא־צייטן „געברידערט" מיט די ציוניסטן, איז אנטשטאנען די גרויסע געפאר, אז זיי זאלן באהערשן און פארכאפן די גאנצע קולטור־גאס אונדזערע, וועלכע האט זיך שוין, סיי־ווי, אויף גאנצע דריי־פערטל געפונען אין זייערע הענט.

דעמאלט זיינען אויפגעשטאנען א צאל וויטזיכטיקע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס און האבן באשלאסן צו שטעלן א דאמבע דער קאמוניסטישער אויסשפרייטונג אויף דער יידישער קולטור־גאס. היות די קאמוניסטן האבן געהאט א גוט־ארגאניזירטע קולטור־ארגאניזאציע און די נישט־קאמוניסטן האבן אזא נישט געהאט, האבן די לעצטע זיך אפגעגעבן א דין וחשבון, אז מיט „גארנישט קאן מען עפעס נישט באקעמפן" און זיי האבן דעריבער באשלאסן אויך צו שאפן אזא ארגאניזאציאנעלן „עפעס" וואס זאל פארהאלטן דעם קאמוניסטישן מארש אין דער יידישער קולטור־וועלט און זאל זיי ביסלעכווייז פון איר פארטרייבן.

דער קולטור־קאנגרעס האט זיך נאטירלעך געשטעלט א ריי פאזיטיווע צילן און אויפגאבעס, אבער זיין ערשטער ציל און זיין ערשטע אויפגאבע איז געווען צו שאפן א פראנט קעגן דער יעווסעקישער קולטור־אויסשפרייטונג און אן אינסטאנץ וואס זאל צונעמען ביי די קאמוניסטן די רעכט צו רעפרעזענטירן די יידישע קולטור פאר יידן און נישט־יידן.

די דאזיקע אויפגאבע האט דער קולטור־קאנגרעס אין משך פון זיינע 20 יאר עקסיסטענץ דורכגעפירט אויף דעם סאמע בעסטן און פולסטן אופן. מען דארף זאגן מיטן פולן מויל, לשבח פון קולטור־קאנגרעס, אז ער האט נישט נאר צעבראכן די השפעה פון די קאמוניסטן אויף דער יידישער קולטור־גאס, נאר ער האט אויך צוריקגעוווּנען פאר דער יידיש־נאציאנאלער קולטור כמעט די גאנצע יידיש־שעפערישע אינטעליגענץ און האט די יעווסעקעס פארטריבן אין אן ענגן ווינקל פון וואנען זיי זעען זיך מער נישט ארויס.

די יאָרן וואָס טיילן אונדז אָפּ פון 1948 ביז 1968 האָבן אונדז געוויזן ווער עס זיינען די קאָמוניסטן און אין וואָס עס באַשטייט זייער געפערלעכקייט פאַרן יידישן לעבן. אין ליכט פון דער דאָזיקער דערקענטעניש ווערט אונדז ערשט קלאָר וואָס פאַר אַ גרויסע און וויכטיקע מיסיע דער קולטור-קאָנגרעס האָט אָפּגעשפּילט פאַר דעם יידישן זיין אין די תפוצות און אומדירעקט אויך פאַר ישראל.

ווי געזאָגט, האָט דער קולטור-קאָנגרעס ביי זיין אויפקום זיך געשטעלט אויך פּאָזיטיווע קולטור-שעפערישע און קולטור-איינהייטנדיקע צילן און אויפגאַבעס. אין דעם פרט איז ער געשטאַנען אויף דער באַזע פון סטימולירן און איינהאַלטן די שעפערישע פּאָטענצן פונעם מזרח-אייראָפּעיִשן יידנטום, צוזאַמען מיט דער שפּראַך פון דעם דאָזיקן אויסגעבלוטיקטן יידנטום. דער אמת איז, אַז אין דער צייט וואָס דער קולטור-קאָנגרעס עקסיסטירט איז דער מצב פון דער קולטור אין יידיש און די יידישע שפּראַך גופא נישט געגאַנגען באַרג-אַרויף צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער. אַ סך מענטשן מיינען דעריבער, אַז אויב דער ק"ק האָט נישט באַוויזן צו ענדערן דעם צייט-שטראָם, האָט ער זיין אויפגאַבע נישט דערפילט. דאָס איז אָבער דער גרעסטער טעות. דעם דערפאָלג פון קולטור-קאָנגרעס דאַרף מען זען דווקא אין דעם וואָס ער האָט אין אַ שווערער צייט געטאָן דאָס מעגלעכסטע און נייטיקסטע כדי זיך קעגנצושטעלן דעם שטראָם וואָס איז געגאַנגען און גייט נאָך ווייטער קעגן יידיש. וואָרעם עס איז נישט קיין קונץ צו שווימען גרויסע מרחקים מיטן שטראָם; עס פאָדערט זיך אָבער אומגעהייערע אָנשטרענגונג און אומגעהייע׳ע איבערגעגעבנקייט צו שווימען קעגן שטראָם. מיר אַלע, די יידן וואָס קעמפן פאַר דער מזרח-אייראָפּעיִשער קולטור-ירושה, קעמפן און פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ מעכטיקן אָנגריף, און אין פאַרטיידיקונג איז פיל שווערער צו פירן אַ מלחמה; אויף יעדן פאַל איז אַ פאַרטיידיקונג-מלחמה תמיד ווייניקער ספּעקטאַקולאַר און אירע דערפאָלגן זיינען תמיד ווייניקער אָנזעעוודיק...

דאָך מוז מען אונטערשטרייכן, אַז דורך זיינע 20 יאָר עקסיסטענץ האָט דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס באַוויזן נישט נאָר איינצוהאַלטן פּאָזיציעס, נאָר אויך צו דעראָבערן וויכטיקע פּאָזיציעס און אויב מען מוז איצט פעסטשטעלן, אַז אין צפון-אַמעריקע מערקט זיך אין דער אינטעלעקטועלער וועלט אַ געענדערטע באַציִונג צו יידיש און צו די קולטור-ווערטן וואָס די שפּראַך האָט אָנגעזאַמלט, איז עס אויך דער פאַרדינסט פון קולטור-קאָנגרעס, דער פאַרדינסט פון זיין אַרבעט אויפן קולטור-געביט און דער פאַרדינסט פון זיינע נייע שעפערישע קנינים מיט וועלכע ער האָט באַוויזן צו באַרייכערן דאָס יידישע לעבן.

יידן האָבן אייביק אָפּגעהיט דאָס פייער פון נר-תמיד. אַ נר-תמיד-ליכט איז נישט מי יודע ווי גרויס. ווי קליין און באַגרענעצט דער דאָזיקער פלאַם זאָל אָבער נישט זיין, איז ער גוואַלדיק וויכטיק, ווייל ער טראָגט אין זיך די האָפענונג, אַז ווען די צייטן וועלן זיך ענדערן, וועט זיין ביי וואָס אָנצוצינדן און פונאַנדערצופלאַקערן דעם נייעם פלאַם וואָס זאָל ממשיך זיין דאָס אַלטע אייביקע פייער. דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס איז דער נר-תמיד פון

דער ייִדישער מזרח-אייראָפּעיִשער קולטור. קוקט נישט דערויף וואָס זיין פלאַם איז קלענער געוואָרן און זעט זיך נישט אָן אויף די ייִדישע געמאַרקן, וועלכע בלענדן מיט אַנדערע אומזיכערע ליכטער. כל-זמן דער נר-תמיד איז פאַראַן איז אויך פאַראַן די האָפענונג אויף בעסערע צייטן; איז אויך פאַראַן די האָפענונג, אַז ייִדיש און די ייִדישע קולטור וועלן באַנייס אויפשיינען מיט דעם גרויסן ליכט פון שעפערישקייט וואָס מיר אַלע קענען, געדענקען און דערוואַרטן...

**יצחק יאַנאַסאָוויטש**

# דער יום־טוב פון קולטור־קאָנגרעס

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס — אין ניו־יאָרק ווי אין בוענאָס־איירעס — איז היי־יאָר אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. די שעפערס זיינע, אין 1948, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן הייסן ווילן צו פאַרפעסטיקן די יידישע קולטור־פּאָזיציעס נאָך די גרויזאַמע יאָרן פון חורבן און אומקום אין אונדזערע אַלטע היימען, ווו די יידישע קולטור צוזאַמען מיט די יידן זיינען אַוועק מיט פייער און רויך פון קרעמאַטאָריעס...

מיט דער שאַפונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָבן יידישע מענטשן — שרייבערס, אינטעלעקטואַלן, קולטור־עסקנים — געוואָלט נאָכטאָן דעם געשיכטלעכן ביישפּיל פון אַמאָליקן יבנה — דעם יידיש־גייסטיקן צענטער, וואָס איז אויך אויפגעקומען נאָך אַ חורבן, נאָך דעם ווי דאָס צעשטערטע ירושלים איז באַהערשט געוואָרן פון רוימישן אָקופּאַנט. דאָס איז אויך געווען אַ מין צו להכעיס דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון יידישן פאָלק אין די קאַלכאויוונס; דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אייביקן יידישן דראַנג פון „לא אמות כי אחיה“.... צו להכעיס די שונאים צוריק אויפצושטעלן, פונאַנדערבויען גייסטיק יידיש לעבן, יידישע שעפערישקייט, יידישע ווערטן.

און דער גרעסטער צו להכעיס די בלוטיקע שונאים, די פאַרטיליקערס פון יידישן פאָלק, איז אין זעלביקן יאָר 1948, נאָך פריער מיט חדשים, געווען די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל: דאָס גרויסע היסטאָרישע געשעעניש, וואָס יידישע שונאים פון רעכטס און כלומרשט „סאָציאַליסטישע“ לאַגערן קאָנען עס עד־היום נישט פאַרגינען און נישט מוחל זיין...

דער יידישער קולטור־קאָנגרעס אין צפון־אַמעריקע — און אין אַ קלענערן פאָרמאַט דער אָפּטייל אין אַרגענטינע — איז אין משך פון די צוואַנציק יאָר געוואָרן אַן אָנגעזעענער קולטור־אַדרעס פאַרן יידישן שרייבער און סתם יידישע מענטשן, קולטור־טוערס, וועמען עס איז טייער יידישע שעפערישקייט, דאָס יידישע לשון, די יידישע ליטעראַטור, די יידישע ווערטן. אין ניו־יאָרק האָבן מיטן קולטור־קאָנגרעס מיטגעאַרבעט און מיטגעווירקט די חשובסטע שרייבערס און וואָרטזאָגערס, ווי: אַברהם רייזען, דוד פּינסקי, יוסף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, א. גלאַנץ־לעיעלעס, שמואל ניגער, ד״ר שמואל מאַרגאָשעס, יעקב פּאַט, מנחם, ד״ר יעקב שאַצקי, פּראָפ׳ ל. הערש, פּנחס שוואַרץ און אַנדערע זכרונם לברכה, וועלכע דער טויט שיידט איצט אָפּ פון אונדז, און פיל אַנדערע, וועלכע זיינען נאָך, צום גליק, מיט אונדז. זיי אַלע זיינען געשטאַנען ביי דער גרינדונג פון קולטור־קאָנגרעס און געלייגט די ערשטע ציגל צום בנין. די אָפּגעשיידטע דערמאָנען מיר מיט טיפער פאַרערונג.

אַלעמען האָט פאַראייניקט איין אידעע: אויפהאַלטן די יידישע קולטור־פּאָזיציעס; פאַרפעסטיקן און אויסשפּרייטן די יידישע פעריפעריע אין אַלע ישובים פון יידישלאַנד.

דער בעסטער עדות פון די אַקטיוויטעטן פון קולטור־קאָנגרעס אין משך פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר זיינען די וואָגיקסטע פּובליקאַציעס, סיי אין ניו־יאָרקער צענטער, סיי אין אונדזער אַרגענטינער אָפּטייל.

וואָס שייך אונדזער היגן אָפּטייל, האָבן מיר זיך נישט מיט וואָס צו שעמען: שמעון דובנאָוס 10־בענדיקע „וועלטגעשיכטע פון ייִדישן פאָלק", זיינע 3 בענד „די געשיכטע פֿון חסידות", זיינע 3 בענד „דאָס בוך פֿון מיין לעבן"; ש. ניגערס ביכער וועגן י. ל. פּרץ און „קריטיק און קריטיקער"; ש. ראַווידאָוויטשעס אויסגעוויילטע גייסטרייכע עסייען; ד״ר ישראל צינבערגס 10־בענדיקע „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן" (מיר האַלטן שוין איצט ביים 8טן באַנד); י. ראַפּאָפּאָרטס „תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס"; ישראל אַשענדאָרפס „לעצטע שריפטן"; די ביכער פון שלמה סוטקאָוויטש און פּראָפ׳ באָלעסלאַוו לעווין — די אַלע פּובליקאַציעסריידן פאַר זיך וועגן פאַרנעם און ניוואָ פון אונדזער פאַרלאַג־טעטיקייט.

דער דערהויבענער פאַרמעסט פון אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין די לעצטע פאָר יאָר פון זיין צוואַנציק־יאָריקער עקסיסטענץ איז — דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז" — לזכרון נאָך אונדזער גרעסטן היסטאָריקער, דעם קדוש פון ריגער געטאָ, פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו ז״ל.

נישט צו פיל זיינען דאָ ביים היינטיקן טאָג אונדזערע קולטור־עסקנים. אונדזער קליינע גרופּע איבערגעגעבענע קולטור־טוערס האָט זיך אָבער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און דער פאַרמעסט איז אין אַ רעלאַטיוו קורצער צייט געקרוינט געוואָרן מיט דעם בעסטן דערפאָלג. ס׳איז אויסגעוואַקסן — צו אונדזער אַלעמענס פרייד — דער דריישטאָקיקער בנין, וואָס מיר דאַרפן ערשט אָנפילן מיט ייִדישן תוכן. די גערוימע שטאָקן וואַרטן אויף אַקטיוויטעטן. זיי וואַרטן אויף ייִדן. זיי וואַרטן אויף יוגנט...

און ערשט דאָ שטייט דער היגער קולטור־קאָנגרעס פֿאַר אַ גרויסער מיסיע: פֿאַרפילפאַכן די איניציאַטיוועס, כדי אויסצוברייטערן אונדזער פּעריפעריע.

די ייִדישע גאַס ווערט פאַר אונדזערע אויגן אַלץ מער אויסגעייִדישט. די יונגע דורות זיינען נישט מיט אונדז און אונדזער אויפגאַבע איז צו געווינען כאָטש אַ טייל פון דער ייִדישער יוגנט, וואָס איז נאָך נישט פאַרטראָגן געוואָרן צו ווייט מיטן שטראָם פון דער אַסימילאַציע.

אַזוי אַז די טוערס פֿון קולטור־קאָנגרעס — בשותּפֿות און קאָנסאָלידירט מיט אַנדערע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אויף דער ייִדישער גאַס — האָבן פאַר זיך אַ סך גאָר נישט קיין לייכטע אויפגאַבעס. דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז" קאָן און דאַרף ווערן אַן אַקטיווע ייִדיש־פּאָזיציע אינעם קאַמף קעגן די טענדענצן מצד געוויסע אינסטיטוציעס, וואָס פירן צו אויסייִדישונג און אַסימילאַציע. דערצו איז נייטיק אַ ברייטערער קרייז פון אַקטיווע טוערס און פריינד פון דער ייִדישער קולטור. די טירן פון „שמעון דובנאָוו־הויז" זיינען אָפֿן פֿאַר אַלעמען.

מיר וואַרטן אויף די מענטשן פון גוטן ווילן און גוטן גלויבן אין נצח פון ייִדישן וואָרט און ייִדישע ווערטן.

**אַברהם זאַק**

# דער קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע

בערך אַ האַלב יאָר פאַר דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1948 אין ניו־יאָרק — מיט דער באַטייליקונג פון פאַרטרעטערס פון פיל לענדער — זיינען אַהער געקומען צוויי שליחים, שרייבערס און קולטור־עסקנים פון וועלט־פאַרנעם: יעקב פאַט און פנחס גינגאָלד.

ביידע לעבן שוין לײַדער נישט. זייער אויפטו ביים גרינדן דעם קולטור־קאָנגרעס אויך אין אַרגענטינע, ווערט נישט פאַרגעסן.

אינעם גאַנג פון דער דערפאָלגרייכער מאַטעריעלער אַקציע און אויפקלערונג־אַרבעט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון שאַפן דאָ אַן אָפּטייל פון קולטור־קאָנגרעס. עס האָבן זיך צוזאַמענגערעדט פאַרטרעטערס פון פועלי ציון־התאַחדות, פון „בונד", פון דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט, אומפאַרטייִשע שרייבערס, קולטור־עסקנים, פאַרטרעטערס פון אַ רייע אינסטיטוציעס — און דער היגער קולטור־קאָנגרעס איז געוואָרן אַ יש.

דאָס דאַרף מיט פרייד אונטערגעשטראָכן ווערן, ווייל קיין שום קולטור־קערפּערשאַפט פון דעם כאַראַקטער, האָט זיך דאָ, ביזן שאַפן דעם קולטור־קאָנגרעס, נישט אײַנגעגעבן אין אַזאַ פאַרנעם און דער עיקר: עס זאָל בלייבן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז חוץ אַלץ געוואָרן אַ הויפּט־אַדרעס אין היגן ייִדישן קולטור־לעבן, ווי עס איז דער קולטור־קאָנגרעס.

וואָלט דער קולטור־קאָנגרעס נישט געשאַפן געוואָרן מיט 20 יאָר צוריק, וואָלט מען אים איצט געדאַרפט אויסטראַכטן. אָן קיין שום איבערטרייבונג לאָזט זיך דעריבער זאָגן, אַז אָן דעם קולטור־קאָנגרעס וואָלט אונדזער קולטור־לעבן אין בוענאָס־איירעס געווען גרויער און אָרעמער.

עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צענדליקער אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, קערפּערשאַפטן, יחידים — און די אַרבעט איז אַוועק מזל־ברכהדיק.

מ'האָט אָפּגעהאַלטן דעם 1טן לאַנד־צוזאַמענפאָר, ביי וועלכן עס איז אויך איינגעשטעלט געוואָרן די 1טע ליטעראַרישע פּרעמיע. שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער פאַרלאַג, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אַרויסגעבן ש. דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק".

מ'האָט שוין אַרויסגעגעבן 38 ווערק, און איצט דערשיינט שוין דער 8טער באַנד פון ישראל צינבערגס „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן".

אַן די ווערק, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן, קאָן אַ פאָלק נישט זיין און דורות קאָנען זיך גייסטיק נישט פאַרמירן.

דער אַרגענטינער קולטור־קאָנגרעס האָט דורכגעפירט פיל קולטור־אַרבעטן, אונטערנעמונגען און באַקומען אָנזען און חשיבות. עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן ליטעראַרישע פרעמיעס, וואָס ווערן אויסגעטיילט יעדעס יאָר. שוין 15 יאָר ווערן דורכגעפירט יערלעכע תּלמידים־קאָנקורסן פון אונדזערע אָנהייב־ און מיטלשולן.

די ערשטע 10 בענד פון די „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור״ זיינען דערשינען ביים קולטור־קאָנגרעס. די לעצטע יאָרן האָט זיך אויספאַרמירט אַן אַקטיווע פרויען־גרופּע, וואָס טוט ערנסטע אַרבעטן.

די צאָל מיטגלידער ציילט אַריבער זעקס הונדערט און יעדע 2 יאָר קומט־פאָר אַ לאַנד־קאָנפערענץ. דער קולטור־קאָנגרעס האָט די לעצטע יאָרן אויך באַקומען יורידישע אָנערקענונג.

יחידים און אינסטיטוציעס זיינען פּראָטעקטאָרן פון קולטור־קאָנגרעס און כמעט אַלע ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון קולטור־קאָנגרעס, דערשיינען מיט דער מיטהילף פון יחידים און פון אינסטיטוציעס. די קהילה אין בוענאָס־איירעס סובסידירט דעם קולטור־קאָנגרעס מיט אַ באַשיידענע חודשלעכע סומע, האָט געהאָלפן אַרויסגעבן איינצקע ווערק און אויך מיטגעשטייערט צום אויפבויען דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז״. ביים אַרויסגעבן צינבערגס ווערק, האָבן צו איין באַנד אין אַ געוויסער מאָס מיטגעווירקט די קהילות פון לאַ־פּלאַטאַ און פון קאָרדאָבאַ.

דער היגער קולטור־קאָנגרעס האָלט שוין ביי דער 10טער לאַנד־קאָנפערענץ און האָט זיך באַטייליקט מיט אַ גרעסערע צאָל דעלעגאַטן אין די 2 צוזאַמענפאָרן פונעם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק און אויך אינעם שול־צוזאַמענפאָר, וואָס איז אין יאָר 1965 פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק.

אַ צאָל אַקטיווע מיטבויערס פון היגן קולטור־קאָנגרעס זיינען שוין ליידער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, זיי ווערן אָבער תמיד דערמאָנט צום גוטן.

די אונטערנעמונגען פון קולטור־קאָנגרעס ציִען־צו דעם געהעריקן עולם און עס איז פאַראַן פאַרשטענדעניש און באַציִונג צום קולטור־קאָנגרעס, ווי אַ רעזולטאַט פון זיינע אַרבעטן, וואָס אָן אים וואָלטן זיי נישט געטאָן געוואָרן.

שאַפן דעם בודזשעט איז נישט לייכט און אַפילו שווער. וואָלטן די מאַטעריעלע מיטלען געווען בעסערע, לאָזט זיך נאָך פיל טאָן, ווייל עס איז פאַראַן באַציִונג, אידעאַליזם און פאַרשטענדעניש. אויך די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן מוטיקן אין דער אַרבעט.

אין לעצטן יאָר האָט דער היגער קולטור־קאָנגרעס אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן די ביכער פון זיין פאַרלאַג אין שטאָט, פּראָווינץ און אין שכנותדיקע לענדער — און נישט צו פאַרזינדיקן. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ היסטאָרישער קרייז פון איינצקע יידישע סטודענטן, וואָס גיבן זיך אָפּ — אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ׳ באָלעסלאַוו לעווין — מיט פאָרשן די געשיכטע פון היגן ישוב.

וואָס צו טאָן פעלט נישט. וואָלטן געווען אַזוי פיל טוערס, ווי עס קאָנען אונטערגע־

גומען ווערן אַ סך איניציאַטיוועס וואָס זיינען אין די אינטערעסן פון יידישן קולטור־לעבן אין אַרגענטינע און פאַר אונדזער פאָלק בכלל.

מיר האָבן געמאַכט אַ קורצן און לויפנדיקן סך־הכל פון די דורכגעגאַנגענע 20 יאָר. ווייט נישט אַלץ, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט געטאָן, האָבן מיר איצט פאַרצייכנט; מיר האָבן אויך נישט דערמאָנט קיין נעמען פון יחידים און פון די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן און העלפן־מיט די אַרבעטן פון קולטור־קאָנגרעס.

דער קולטור־קאָנגרעס באַמיט זיך אַריינצוברענגען אייגענעם נוסח, וואָס איז די שטרעבונג פון די וואָס רינגלען אונדז אַרום.

זאָלן די ערשטע 20 יאָר עקסיסטענץ פון קולטור־קאָנגרעס זיין אַ מיילצייכן און אַ דערמוטיקונג אויף ווייטער.

**י. האָרן**

# די 10טע לאַנד־קאָנפערענץ

## יודל מאַרק דער ערנגאַסט

און אָט איז דער אַרגענטינער קולטור־קאָנגרעס ערב די 10טע לאַנד־קאָנפערענץ.

ווידער וועלן אייניקע טעג פאָרקומען סעסיעס, געהערט ווערן אָפּהאַנדלונגען, אויפגעהויבן ווערן פראַגעס, באַרירט ווערן פּראָבלעמען, געפירט ווערן וויכוחים און עס וועלן געמאַכט ווערן פאָרשלאָגן, וואָס נוגע יידיש קולטור־לעבן.

די ביז איצט 9 דורכגעפירטע לאַנד־קאָנפערענצן האָבן אָנגעצייכנט די ליניעס פאַר די ווייטערדיקע אַרבעטן.

יידיש איז די נשמה פון יידישן אַרגענטינע. די אַסימילאַציע־פייערן זיינען אָבער זייער גרויס, אַזוי אַז מ׳מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען און פעסטער בויען די דאַמבעס צו שטאַרקן די יידישע שול, דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט, יידישע פאַרלאַגן, יידיש טעאַטער און יידיש קולטור־לעבן און שאַפן אין ברייטן פאַרנעם.

אָן דעם אַלעם, וועט אונדזער לעבן זיין גייסטיק, קולטורעל — פוסט און וויסט.

ווייט נישט אַלע שפירן די געפאַר, ממילא איז מען נישט גענוג אַקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן; באַשטייערט מען זיך נישט גענוג און מ׳אַרבעט נישט מיט געזעלשאַפטלעך אין קולטור־אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן.

היינט איז אַ צייט, ווען מ׳דאַרף ווידער שטאַרק פרעגן: אויב נישט מיר — ווער?

מיר האָבן צוטרוי צו דער צוקונפט, נאָר זאָגן, אַז מ׳וועט שוין אָפּקומען מיט — „מ׳וועט שוין", לאָזט זיך נישט; אין לעצטן חורבן איז אומגעבראַכט געוואָרן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און צווישן די מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן איז דער רוב געווען קאָנסומענטן פון יידישער קולטור, שוין אָפּגערעדט אַז עס פעלן די מחנות שעפערישע מענטשן.

יידיש קולטור־לעבן האָט פאַר זיך דעריבער גרויסע אַחריותפולע אויפגאַבעס, וואָס טאָרן נישט פאַרטאַכלעוועט ווערן.

יידיש, יידישע קולטור האָבן נייטיק חשיבות און אַרויסהייבן זיך פון ענגע ווינקלען, פון אָרעמקייט.

וועגן די און אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, וועט גערעדט ווערן ביי דער 10טער לאַנד־קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען אין די טעג פון 15טן, 16טן און 17טן נאָוועמבער ד״י.

מיר ווייסן, אַז די כוחות זיינען באַגרענעצטע און אינטעלעקטועלע מענטשן זיינען דאָ ווייניק. דער קולטור־קאָנגרעס באַמיט זיך דעריבער צוצוציען די שעפערישע מענטשן, כדי געמיינזאַם צו טאָן וואָס מ׳איז בכוח.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט זיך ביז גאָר אָנגעשטרענגט און האָט פאַרבעטן, ווי דעם ערנגאַסט צו דער 10טער לאַנד־קאָנפערענץ דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג, פובליציסט, פילאָלאָג און רעדאַקטאָר פון גרויסן יידישן ווערטערבוך, פריינד יודל מאַרק פון ניו־יאָרק.

ער וועט ביי אונדזערע סעסיעס און זיצונגען אויפטרעטן מיט אייניקע רעפעראַטן.

ער וועט רעפערירן וועגן דער טשערנאָוויצער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ און אַרויסברענגען, וואָס ער האָט צו זאָגן צוגעפּאַסט צו אונדזער היינט.

עס וועלן אויסגעהערט ווערן באַריכטן פון דער אַרבעט פון היגן קולטור־קאָנגרעס, אַ פינאַנץ־באַריכט און ס׳וועט פאָרקומען אַ מיינונג־אויסטויש, אַ דעבאַטע און וואַלן פון אַ נייער אָנפירונג.

דער גאַסט־רעדנער וועט ביים פייערלעכן דערעפענונג־אַקט רעפערירן וועגן 20 יאָר אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס. עס וועלן אויסגעהערט ווערן באַגריסונגען און לסוף — דאָס ייִדישע ליד.

ייִדישע שרייבערס, אַקטיווע טוערס אין קולטור־קאָנגרעס וועלן באַהאַנדלען קולטור־פּראָבלעמען פון ייִדישן אַרגענטינע.

מיטגלידער פון היסטאָרישן קרייז וועלן אויפטרעטן מיט רעפעראַטן. ביי דער סוף סעסיע וועט פֿונאַנדערגעטיילט ווערן די ש. ניגער־פּרעמיע פֿאַרן יאָר 1967, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דעם דיכטער אַהרן צייטלין פאַר זיין בוך „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן״.

צו דער 10טער לאַנד־קאָנפֿערענץ דערשיינט דער באַנד 8 פֿון ישראל צינבערג „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן״. עס וועלן געהערט ווערן אפּהאַנדלונגען וועגן דיכטער אַהרן צייטלין, וועגן צינבערגן און ש. דובנאָוון.

ביים פייערלעכן שלוס, וועלן אויך אָנגענומען ווערן אַ רייע פאָרשלאָגן, פאַר ווייטערדיקער אַרבעט פון היגן קולטור־קאָנגרעס.

יעדע פון די דערמאָנטע פראַגעס און אַלע צוזאַמען, באַזונדערס, ווייל מיר קענען די וואָס קומען אויף אונדזערע קאָנפערענצן, שאַפט אונדז די זיכערקייט פון דער ערנסטער באַציִונג און ניוואָ פון דער 10טער לאַנד־קאָנפערענץ פון היגן קולטור־קאָנגרעס.

## שמעון דובנאָוו

# די וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק

## פון די אַלטע צייטן ביז צו היינטיקער צייט

# דאָס „שמעון דובנאָװ־הויז“

איינ־קע יאָר נאָך דעם ווי דער קולטור־קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן, האָט די אינסטיטוציע — מיט דער אָנשטרענגונג פון איבערגעגעבענע טוערס — געקויפט אַן אַלטע הייזקע אויף אַזשאַקוטשאַ 483.

דאָס באַקומען אַן אייגענע דירה, אַ פּלאַץ, וווּ צו האַלטן די אַרויסגעגעבענע ביכער דורכן אייגענעם פאַרלאַג און דערצו — האָבן אַ פענצטער צו דער גאַס אין יידישן שטאָטפערטל — איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג.

ווי קליין די דירה זאָל נישט האָבן געווען, איז איינגעאָרדט געוואָרן די ביוראָ, זיינען דאָרט פאָרגעקומען מסיבות, פאַרזאַמלונגען און די אַרבעט איז געפירט געוואָרן.

שפּעטער איז געקומען אַ פּלאַן צו בויען אַן אייגן הויז, וואָס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

מיט לערך דריי יאָר צוריק, איז דער פּראָיעקט צו בויען אַ „שמעון דובנאָוו־הויז“ אין בוענאָס־איירעס אָנגעהויבן געוואָרן מיט דער פולער ענערגיע און עס איז, ווי באַוויסט, אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן אָרט פון דער אַלטער הייזקע, אויף אַזשאַקוטשאַ, צווישן לאַוואַזשע און קאָריענטעס — דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז“ פון קולטור־קאָנגרעס, וואָס האָט דריי שטאָק מיט אַ פּאַרטער.

די אַקציע, ווי דאָס בויען דעם בנין, האָט נישט געדויערט מער ווי אָנדערטהאַלבן יאָר. דער גרונטשטיין איז געלייגט געוואָרן דעם 17טן מײַ 1966; דאָס דעקן דעם דאַך איז פאָרגעקומען דעם 25סטן מײַ 1967 און דער חנוכת־הבית איז געפּראַוועט געוואָרן דעם 17טן דעצעמבער 1967.

דערביי זיינען נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן די נאָרמאַלע אַרבעטן פון קולטור־קאָנגרעס.

זעלטן ווען, אַז מיר לעבן היינטיקע יאָרן איבער אַזאַ איבערגעגעבנקייט אין קולטור־אַרבעט, ווי ביים בויען דאָס „דובנאָוו־הויז“.

מ׳האָט אָנגעהויבן פון זיך, מיט גרויסע ביישטייערונגען און דער אַרום: פריינד, אינסטיטוציעס, די קהילה האָבן ווערדיק מיטגעהאָלפן. די אינזשעניערן האָבן געאַרבעט אָן האָנאָראַר, און ווער נישט? און עס האָט מיטגעריסן.

עס האָבן זיך לטובת דעם בנין באַשטייערט 236 איינסן, יחידים און אינסטיטוציעס. די שטימונג פאַרן קולטור־קאָנגרעס איז אָבער געוואַקסן. די פייערונגען וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיטן בויען דעם בנין זיינען געווען ביז גאָר דערפאָלגרייכע. עס וועט אַפילו נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז יידיש־אַרגענטינע האָט עס אָפּגעשאַצט. שוין אָפּגערעדט, אַז עס זיינען אָנגעקומען וואַרעמע באַגריסונגען פון דער יידישער וועלט און פון מדינת ישראל.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן 16 בענד פון שמעון דובנאָוו אין יידיש און האָט געהאַלטן פאַר אַ זכות אויפצושטעלן אויך אַ „שמעון דובנאָוו־הויז“ — לעת־עתה דער איינציקער בנין אין דער יידישער וועלט אויפן נאָמען פון היסטאָריקער־קדוש.

דער בנין איז אויפגעשטעלט, האָט אַ באַקוועם אָרט פאַר דער ביוראָ, אַ זאַל פאַר קאָנפערענצן, אַ גאָרן פאַרן ביכער־סטאָק, אַן אָרט פאַר זיצונגען און קלענערע מסיבות, — און די אַרבעט ווערט געפירט.

זאָל אויך דערציילט ווערן מיט פרייד, אַז דער בנין האָט נישט קיין שום חוב. וואָס עס פעלט — איז מעבלירונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט גרעסערע סומעס.

די פאַרוואַלטונג פון קולטור־קאָנגרעס האַלט, אַז עס וועט, חלילה, גאָר נישט געשען, ווי באַלד מ׳וועט אַ געוויסע צייט זיין מיטן אַלטן מעבל, און בעסער זאָל די אַרבעט נישט ליידן.

עס דאַרפן נאָך דערשיינען 2 בענד פון ישראל צינבערגס „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן״ (8 בענד זיינען שוין דערשינען); עס דאַרפן געטאָן ווערן אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן. צו דעם, שטרעבט דער פאַרלאַג פון היגן קולטור־קאָנגרעס אַריינצוברענגען אין ייִדיש אייניקע ווערק פון מאַרטין בובער. דער דאָזיקער פאַרמעסט איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאָבן. ביי אַ געהעריקער אָנשטרענג און מאַטעריעלער מיטהילף, לאָזט זיך אָבער די אַרבעט דורכפירן.

אויב דער קולטור־קאָנגרעס וועט עס נישט טאָן, וועט זיך קיינער צו דעם נישט נעמען. עס איז דעריבער אונדזער אַלעמענס חוב צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן דאָס ייִדישע קולטור־לעבן.

נישט בלויז די טוערס און נאָענטע פון קולטור־קאָנגרעס האָבן פרייד צו זיין אין „שמעון דובנאָוו־הויז״, צו קומען אויף אונטערנעמונגען אין באַקוועמען זאַל, נאָר ווער עס קומט, פילט זיך גוט און היימיש און גיט־צו, אַז דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז״ מיטן גלעזערנעם פראָנט, פאַסט צום פּנים פון ייִדישן אַרגענטינע.

עס קומען געסט פון אויסלאַנד: שרייבערס, שוישפּילערס, קולטור־עסקנים, אַלע, אַלע שאַצן־אָפּ דעם וויכטיקן אויפטו.

באַדאַרף מען געדענקען, אַז עס גייט נישט וועגן בנין, וועגן די ווענט, נאָר וואָס נוגע די אַרבעט, וואָס אין דעם „שמעון דובנאָוו־הויז״ ווערט געטאָן, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס שטעלט מיט זיך פאָר, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט און ברענגט־אַריין אין ייִדישן לעבן.

דאָס אַלץ מינערט אָבער נישט די מאַטעריעלע זאָרגן פון אויסהאַלטן דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז״, ווי דעם קולטור־קאָנגרעס בכלל. מען דאַרף נישט פאַרגעסן די תוך־פּראָבלעמען פון ייִדיש־לעבן, וואָס אַלץ עס דאַרף געטאָן ווערן פאַר דער ייִדישער קולטור און פֿאַר סטימולירן שעפֿערישע מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע דורות, כדי צו שטאַרקן אונדזער פאָלק — און דאָס פירט ווידער צום קולטור־קאָנגרעס.

---

דערשינען: ייִדישע דעראָבערער און מאַרטירער אין לאַטיין אַמעריקע״ פון באָלעסלאַוו לעווין.

# װעגן אַ קולטור־פאָנד

אויב אַ רייע אינסטיטוציעס קומט־אָן שווער צו דעקן דעם בודזשעט, ראַנגלען זיך, ממש, ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס ביים שאַפֿן מיטלען צו קאָנען עקסיסטירן, טייל מאָל איז עס אַ מין דורכרייסן זיך...

ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס קענען אָבער מער נישט זיין אין אַזאַ מצב. אידעאַליזם אין קולטור־אַרבעט איז נייטיק, ווי דאָס לעבן, נאָר קבצנות — דאָס דערדריקט דעם יחיד ווי דעם כלל.

פירן אַ ביוראָ איז פאַרבונדן מיט אויסגאָבן, און געפירט ווערן דאַרף די אַרבעט מיט פאַרנעם, מיט צוגעפאַסטע מעטאָדן, צוגעפאַסט צו דער צייט אין וועלכער מיר לעבן. אויפקלערונג און פראָפּאַגאַנדע, איז פאַרבונדן מיט גרעסערע אויסגאָבן און אָן אויפקלערונג לאָזט זיך זייער ווייניק דערגרייכן.

דאָס אַלץ זיינען, אַזוי צו זאָגן, טעכנישע ענינים. דער סאַמע תוך איז, אַז עס קען נישט געפירט ווערן קיין פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, ווי געהעריק פּלאַנירט און צוגעגרייט, אַז עס פעלן מאַטעריעלע מיטלען.

קולטור־אַרבעט, ווי מיר פאַרשטייען, קען נישט זיין — ווי מ׳זאָגט — פון האַנט אין מויל. אַ פאַרלאַג, וואָס גיט־אַרויס ערנסטע ווערק, מוז אַרבעטן סאָליד און וויסן אין צייט וואָס עס וועט געטאָן און צוגעגרייט ווערן אויף ווייטער. און אַז מ׳וויל פאַרבעטן אַ ייִדישן אינטעלעקטואַל, קען דאָס נישט געמאַכט ווערן אין סאַמע ערב פון סעזאָן. דאָס זעלביקע אַ בינע־קינסטלער, וואָס דערהייבט דאָס ייִדישע וואָרט.

אונדזער פאַרלאַג, וואָס פאַרענדיקט שוין באַלד מיט צינבערגס מאָנומענטאַל ווערק „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן", האָט שוין געדאַרפט, אַז מ׳זאָל האָבן איבערגעזעצט כאָטש איין באַנד פון די ווערק פון מאַרטין בובער, וואָס מיר ווילן עס זאָל דערשיינען אין ייִדיש. פאַראַן אַ וועלט מיט אַרבעט, נאָר די מאַטעריעלע מיטלען זיינען זייער באַגרענעצט, ממילא לאָזט זיך נישט טאָן, וואָס מ׳וואָלט געוואָלט.

נאָך 20 יאָר עקסיסטענץ, איז רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז עס מוז ערנסט געטראַכט און געטאָן ווערן, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קולטור־פאָנד פאַר די גרעסערע אַרבעטן פון קולטור־קאָנגרעס.

עס איז נישט קיין לייכטע זאַך, נאָר אַז מ׳וויל איז מען גובר אַלע שוועריקייטן. מיר האָבן גובר געווען פיל שוועריקייטן מיטן פאַרלאַג, אַן אייגענעם בנין, ווי עס איז דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז" און אַנדערע אונטערנעמונגען. ווייזט אויס, אַז עס איז דאָ צו וועמען צו ריידן און צו וועמען זיך צו ווענדן.

ייִדיש אַרגענטינע, ווייזט־אַרויס פאַרשטענדעניש פאַר די אַרבעטן פון קולטור־קאָנגרעס און דאָס באַוועגט אונדז, אַז נישט געקוקט אויף אַלערליי מניעות, אויף ס׳ביי צו שטעלן די פראַגע ביי דער 10טער יערלעכער לאַנד־קאָנפערענץ, כדי מ׳זאָל באַשליסן און די אַרבעט פון שאַפן דעם קולטור־פאָנד זאָל געפירט ווערן מיט ברייטן פאַרנעם.

# די פּרויען־גרופּע ביים קולטור־קאָנגרעס

ביי אַלע אַרבעטן און אַקציעס — זינט דער קולטור־קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן — האָבן מיטגעאַרבעט אַ רייע פרויען. טייל זיינען אויך געווען אין דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג און אינעם שטאָט־קאָמיטעט, וואָס עס האָט עקסיסטירט אייניקע יאָר.

שפּעטער, איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פרויען־קאָמיסיע, וואָס האָט עקסיסטירט אַ געוויסע צייט.

ווען דער קולטור־קאָנגרעס האָט אָנגעהויבן די אַקציע פאַר אַ „שמעון דובנאָוו־הויז“, איז די איניציאַטיוו איינצושטעלן אַ פרויען־גרופּע נאָך אַ מאָל באַנייט געוואָרן, און מיט דערפאָלג.

איידער עס זיינען געווען מעגלעכקייטן זיך צוזאַמענצוקומען אין אייגענעם, באַקוועמען הויז, פלעגט די פרויען־גרופּע זיך צוזאַמענקומען אין פּריוואַטע היימען און אַפילו דורכגעפירט קלענערע אונטערנעמונגען. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַ רייע קולטור־מסיבות און די אָנגעהעריקע צו דער פרויען־גרופּע ביים קולטור־קאָנגרעס פילן זיך ווי אַ משפּחה, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין אַלע אַרבעטן פון קולטור־קאָנגרעס.

יעדן דינסטיק פאַרנאַכט, קומט זיך אין „שמעון דובנאָוו־הויז“ צוזאַמען די פרויען־גרופּע, באַהאַנדלען אַ רייע פּראָגעס און עס ווערט געפירט אַ שמועס איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען.

איין מאָל אין יאָר פירט די פרויען־גרופּע דורך אַ גרעסערע אונטערנעמונג. היינטיקס יאָר האָט די פרויען־גרופּע דורכגעפירט אַ ביז גאָר דערפאָלגרייכן קאָנצערט־טיי, וואָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

דער זייער געלונגענער דורכגעפירטער קאָנצערט, ווי דער יום־טוב אין אַלגעמיין האָט געבראַכט אַ געהעריקן דערפאָלג אין אַלע הינזיכטן.

די פרויען־גרופּע אַלס גאַנצע און יעדע באַזונדער האָט זיך מיטבאַטייליקט אין בויען דאָס „שמעון דובנאָוו־הויז“ און איצט זאָרגן זיי פאַר אַנדערע אַרבעטן.

אַז פרויען ברענגען־אַריין געמיטלעכקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אַלעמען באַוווּסט און דאָס איז באַזונדערס צו מערקן ביי אַלע מסיבות און אַקטן פון קולטור־קאָנגרעס.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס דאַרף אָבער אין איצטיקן מאָמענט אונטערגעשטראָכן ווערן איז, אַז די פרויען־גרופּע ביים קולטור־קאָנגרעס האָט זיך פאָרמירט אין אַ וויכטיקע קערפּערשאַפט, וואָס איז אַקטיוו אין די אַרבעטן פון קולטור־קאָנגרעס. און דער עיקר: די פרויען־גרופּע האָט אַ מעגלעכקייט איר קרייז צו פאַרגרעסערן.

# 20 יאָר קולטור - ק
# 10טע לאַנז

## דעם 15טן, 16טן או

**פרייטיק, דעם 15טן, 21 אַ.ז., אין זאַל פון י. ל. פרץ־שול, בולאַן סור מער 671**

**קבלת־פנים** לכבוד יודל מאַרק, פון ניו־יאָרק

**באַגריסונגס־וואָרט:** וויצע־פּאָרזיצער, אַברהם זאַק.

רעפעראַט פון יודל מאַרק: „60 **יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ**"

**קאָנצערט:** אַידאַ פעלדער, **באַגלייט פון** יאַשאַ גאַלפערין.

**שבת, דעם 16טן, 16 אַ.ז., אין „דובנאָוו־הויז":**

אויסוויילן קאָמיסיעס: פערמאַנענץ קאָמ. און רעזאָלוציע־קאָמ.

**שבת, דעם 16טן, 21 אַ.ז., אין אַקטן־זאַל פון דער קהילה, פאַסטעור 633.**

**פייערלעכע דערעפענונג:** יונה גאָראָדיסקי, **פאָרזיצער**
**יצחק יאַנאַסאָוויטש, סעקרעטאַר**

**באַגריסונגען פון דער קהילה,** ייִוואָ, **שרייבער־פאַריין „ה. ד. נאָמבערג"**

יודל מאַרק: „20 **יאָר קולטור־קאָנגרעס**"

**זונטיק, דעם 17טן, 10 אַ.ז., אין „דובנאָוו־הויז":**

**באַריכט פון אָשר איינשטיין**

**דעבאַטן**

**וואַלן**

# .גרעס 1968-1948
# אָנפערענץ

## טן נאָוועמבער 1968

**זונטיק, דעם 17טן, 15אַז., אין „דובנאָוו-הויז״:**

„פראָבלעמען פון יידישן קולטור-לעבן אין אַרגענטינע״

אַריינפירט-וואָרט פון וויצע-פּאָרזיצער, יוסף האָרן

דעבאַטן

**זונטיק, דעם 17טן, 18 אַז., אין „דובנאָוו-הויז״:**

„מיטאָס און געשיכטע פון אַרגענטינער ישוב״ — **פּראָפ׳** באָלעסלאָוו לעווין

מיטן אָנטייל פון מיטגלידער פון היסטאָרישן קרייז ביים קולטור-קאָנגרעס: ליצענ-ציאַנט כואַנאַ לעוואָוויטש: „סימאָן אָסטוואַלד, דער ערשטער יידישער אינטעלעק-טואַל אין בוענאָס-איירעס״ און פּראָפ׳ אַברהם הובערמאַן: „די ערשטע קהילה-אָרגאַ-ניזאַציע אין בוענאָס-איירעס״

**זונטיק, דעם 17טן, 21 אַז., אין „שמעון דובנאָוו-הויז״, אַזשאַקוטשאָ 483**

**פייערלעכער שלוס-אַקט — אָנפירונג:** יוסף האָרן

**צוטיילונג פון דער** „שמואל ניגער-פּרעמיע״ **דעם דיכטער** אַהרן צייטלין. **וועגן דעם פּרעמירטן —** שלמה סוסקאָוויטש

**8טער באַנד ד״ר צינבערג „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״ — יודל מאַרק**

**פאָרלייענען די רעזאָלוציעס**

**שלוס**

# טעטיקייט פון קולטור־קאָנגרעס
# פאַר די לעצטע צוויי יאָר 1967–1968

## אַקטן, מסיבות, אויפנאַמעס:

פייערלעכע זיצונג לכבוד 20 נומערן „דווקא״.
פייערלע מסיבה לכבוד אַבֿרהם זאַק צום דערשיינען „פון הייסן אַש״.
באַערונג פאַר שרייבער פּליטים וואָס זיינען אַקטיוו אין קולטור־קאָנגרעס, צום 15טן אַניווערסאַר פון זייער אָנקום אין אַרגענטינע.
פייערלעכע מסיבה לכבוד פּראָפ׳ ב. לעווין, צום דערשיינען פון זיין בוך „יידישע דעראָבערער און מאַרטירער אין לאַטיין אַמעריקע.
אויפנאַמע פאַר אַרטור לערמער, פון קאַנאַדע.
אויפנאַמע פאַר די דעלעגאַטן פון פּראָווינץ און שכנותדיקע לענדער צום 8טן צוזאַמענפאָר פון ועד הקהילות.
אויפנאַמע פאַר טוביה מייזעל, פון מעקסיקע.
אויפנאַמע פאַר ד״ר ש. לעווענבערג, פון לאָנדאָן.

## אָנדענק־אָוונטן נאָך פאַרשטאָרבענע שרייבערס:

אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס.
טרויער־אַקאַדעמיע צום 15טן יאָרטאָג נאָך די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס.
זיך באַטייליקט אין אָפּדעקן די מצבה נאָך דעם קולטור־טוער וויקטאָר רינג.

## דערשינענע ביכער:

6טער, 7טער און 8טער באַנד ד״ר צינבערג „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״.
„יידישע דעראָבערער און מאַרטירער אין לאַטיין־אַמעריקע״, פון ב. לעווין.

## דורכגעפירטע אַקציעס:

זיך באַטייליקט אין דער עמערגענץ־אַקציע פאַר מדינת ישראל.
דורכגעפירט אַן אַקציע לטובת „די צוקונפט״, צום 75סטן יובליי.

## שמעון דובנאָוו־הויז:

גרונטשטיין־לייגן דעם 17טן מאי 1966.
פייערלעכער אַקט פון דעקן דעם דאַך, 25סטער מאי 1967.
חנוכת־הבית יום־טוב — 17טער דעצעמבער 1967.

## אַקטן פון קולטור־קאָנגרעס אין שמעון דובנאָוו־הויז:

ערשטער אָפּענער פֿאָרום.
קליינקונסט־אָוונט מיט יעקב דענקער און דאָריטאַ ווינדלער.
רעפעראַט פון ב. לעווין וועגן יצחק אברבנאל.
עונג־שבת פון דער פרויען־גרופע.

## די פרויען־גרופע:

מסיבות אין שמעון דובנאָוו־הויז.
2 יערלעכע טיי־קאָנצערטן.

## נייע איניציאַטיוועס:

היסטאָרישער קרייז.
ספּעציעלער קורס פאַר יונגע פאַרשערס פון דער היגער יידישער געשיכטע, אָנגע־פירט פון פּראָפ׳ באָלעסלאַוו לעווין.
פאַרשפּרייטונג פון די אויסגאַבן פון אונדזער פאַרלאַג: וויקטאָר קופּער.

## קאָנקורסן:

קאַטשערגינסקי־קאָנקורס — אויסגעצייכנט יוסף כאַצקיעל פאַר זיין אַרבעט „יסודות פון שלום עליכמס הומאָר״.

## 14טער און 15טער תלמידים־קאָנקורסן:

1) 37 תלמידים פון 4 אָנהייבשולן און 26 תלמידים פון 5 מיטלשולן.
2) 50 תלמידים פון 6 אָנהייבשולן און 29 תלמידים פון 5 מיטלשולן.

## ש. ניגער־פּרעמיע:

1966: חיים גראַדע פאַר זיין בוך „צמח אַטלאַס״.
1967: אַהרן צייטלין פאַר זיין בוך „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן״.

## פאַרלוסטן:

יאיר שוסטעראָוויטש ע״ה, לאַנגיאָריקער עקזעקוטיוו־מיטגליד פון קולטור־קאָנ־גרעס. האָט צוגעגרייט צום דרוק 8 בענד פון אונדזער 10־בענדיקע ציגבערג־אויסגאַבע „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״.

## ביכער דערשינען אין פֿאַרלאַג פֿון קולטור־קאָנגרעס
## אין בוענאָס־איירעס

**דובנאָוו ש.:** וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק 1—10

" " געשיכטע פֿון חסידיזם 1—3

" " דאָס בוך פֿון מײַן לעבן 1—3

**ראַווידאָוויטש ש.:** שריפֿטן

**צינבערג י., ד"ר:** געשיכטע פֿון ליטעראַטור בײַ ייִדן I—X

**ניגער ש.:** י. ל. פּרץ

" " קריטיק און קריטיקער

**ראַפּאָפּאָרט י.:** תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס (אויספֿאַרקויפֿט)

" " זוימען אין ווינט

**אַשענדאָרף י.:** לעצטע שריפֿטן

דאָס טאָגבוך פֿון אַנאַ פֿראַנק

**סוסקאָוויטש ש.:** די צוויי קוואַלן פֿון מאָראַל

**שאַצקי י., ד"ר:** אליהו בחור

**ראָזשאַנסקי ש.:** יעקב דינעזאָן

**אַלמי א.:** ספּינאָזאַ קאָנטראַ ספּינאָזאַ

„אינאײַנעם" — **זאַמלביכער 1—2**

**י. ל. פּרץ:** 10 לידער (מיט נאָטן)

**באָלעסלאַוו לעווין:** ייִדישע דעראָבערער און מאַרטירער אין לאַטײַן־אַמעריקע.

**יערלעכע העפֿטן:** יונגער דור

**יערלעכער תלמידים־קאָנקורס**

# קהילה
## פון בוענאס איירעס

**די קהילה פון בוענאָס איירעס** צוזאַמען מיטן ועד הקהילות, זענען די אַקס פון דעם שעפערישן יידישן לעבן פונעם גאַנצן אַרגענטינער ישוב.

במשך די לעצטע יאָרן זענען רעאַליזירט געוואָרן אומגעהויער וויכטיקע איניציאַטיוועס.

דו טאָרסט נישט בלייבן מחוץ פון דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פונעם אַרגענטינער יידנטום!

---

# קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „וויאַמאָנטע“

עקוואַדאָר 762 — טעל.: 5062 ־ 88 | בוענאָס איירעס

אונדזער ביוראָ איז טעטיק יעדן טאָג פון 14 ביז 16 אַזייגער.

---

# פאַרבאַנד פון שארית הפליטה אין אַרגענטינע

**באַגריסט דעם קולטור־קאָנגרעס צו די 20 יאָר עקסיסטענץ**

---

**Cooperativa de Crédito Limitada**

**"BUENOS AIRES"**

(Autorizada por el Sup. Gobierno de la Nación)

ECUADOR 397 esq. V. GOMEZ | Tel. 66 - 4042/3/4

---

אַנשלוס

# כאַקאַבאַ שוואַרץ

באַגריסונגען צו 20 יאָר עקסיסטענץ פון קולטור-קאָנגרעס

| | |
|---|---|
| כואַנאַ און אַהרן פּאַטליס | אַברהם איוואַן |
| י. סוכאָוואָלסקי | שמעון רובינס |
| אַברהם קאַפּעלאָוויטש | זכריה רייזבוים |
| י. ד. בלאָום | אַרסיע פישמאַני |

**Cooperativa Popular de Crédito Ltda.**

# "LAVALLEJA"

Cangallo 2672/74 Tel. 47 - 4602

Buenos Aires

**CAJA DE CREDITO "VARELA"**

Cooperativa Limitada

VARELA 1001 Tel. 66 - 5096/5097/5098

**VOLF**

El mejor cubierto de acero inoxidable

**Córdoba 2545 Tel. 84-6849**

Fáb.. FAMATINA 3534-36

**SOCIEDAD COMERCIAL E INDUSTRIAL ISRAELITA S. A.**

Hipólito Yrigoyen 2221/51 47-1143

**CORBATERIA "REX"**

SALOMON GOLDFISCHER

Cánning 363 Tel. 54-0330

**Dr. ZELMAN SPIGUEL**

Abogado - Contador Público Nacional

Lavalle 1569 - P. 7° Of. 717/8/9

Tel. 40-9416 - 46-0742 - 46-0733

**Cooperativa de Crédito Limitada**

**"LA CONQUISTA"**

Av. GAONA 1437 Tel. 59 - 4177

## VALENCIANA ARGENTINA

JOSE EISENBERG y Cía. S.A.C.I.F.I.

Fábrica de Puntillas - Encajes - Tela y Lencería Fina

●

CASEROS 2052/56 T. E. 26 - 6641 - 6316 - 9222

**LA TEXTILERA**

Cooperativa de Créditos Ltda.

CORRIENTES 4136 Tel. 88 - 3412

Establecimientos Textiles

**TEXAM S. A. I. C.**

●

Dr. Manuel A. Rouco 554/8

Tel. 755 - 1188 San Martín

**ESTAMPA TEXTIL**

●

México 4533

740-5486/5872 V. Martelli

**Caja de Créditos**

**"LA CAPITAL"**

Fundada en 1938

Sociedad Cooperativa Limitada

J. E. URIBURU 222/24

Tel. 47-6717 - 6484 BUENOS AIRES

**DISCOS**

**Yidish - Hebreos - Litúrgicos**

El surtido más grande - Adquiéralos en

**RADIO LEON**

Lavalle 2760 87 - 8474

**Cooperativa de Caballito**

Sociedad de Crédito Ltda.

Adherida a la F.A.C.C.

LUIS VIALE 749/53

Tel. 59-6267 - 58-4905 BUENOS AIRES

**CAJA DE CREDITO**

**"CANGALLO"**

CANGALLO 3637 BUENOS AIRES

## CAJA POPULAR DE BELGRANO

COOPERATIVA DE CREDITO LIMITADA

Amenábar 2968/72 - Teléf. 70-9753/5025
Corrientes 2294 - 1° A - Teléf. 48-8222
Cabildo 3102 - Teléf. 701-9907
Corrientes 5322 - Teléf. 54-4545

**Corporación Comercial Industrial Israelita Argentina Ltda. S. A.**

CANGALLO 3613/41 BUENOS AIRES
T. E. 87 - 0813 - 5867 - 5905 - 5937 - 7611
T. E. 88 - 0183 - 0211

**MATYA S. A.**

Fábrica de Toallas y Afines

Urquiza 971
Tel. 658 - 0094 Ramos Mejía

**CAJA POPULAR DE CREDITO BOCA - BARRACAS**

Daniel Cerri 1528 T. E. 21 - 1071
28 - 8786

**RODYZA S.A.I.C.**

Calidad en Cortinas

Corveil 808 - 100 % Poliester

Av. de los Incas 5235
Tel. 52-5305 Buenos Aires

**TEJEDURIA CATESO**

**S. A. I. y C.**

●

RODRIGUEZ PEÑA 655 al 659

Tel. 753 - 3116 VILLA PROGRESO - SAN MARTIN

---

**SOCIEDAD COOPERATIVA DE CREDITO LIMITADA**

**"FLORESTA"**

●

SEGUROLA 1597 Tel. 69 - 2418

---

**Caja de Crédito "VILLA LURO"**

**Sociedad Cooperativa Limitada**

●

**Lope de Vega 1300 Tel. 67 - 9453**

---

**Caja de Crédito "VELEZ SARSFIELD"**

**Sociedad Cooperativa de Crédito Ltda.**

●

**SEGUROLA 1129/33/41 Tel. 67 - 4344**

**TEXTILES TALSA**

TALKOWSKI & SAFIER

Distribuidores Mayoristas

Paso 256

Tel. 48-3410/4253 Buenos Aires

**"TELFIN" S.A.C.I.F.I.**

Zañartú 843 Tel. 92-0728

**COSTA RICA S. A.**

Com., Indust., Financ., Inmob. y Agrop.

Díaz Vélez 3748/50

Tel. 87-1659/4652 Buenos Aires

**LYONBLUE S. A. I. C.**

Encajes - Puntillas - Fibras sintéticas

Paso 568 Buenos Aires

**RAUL GAPEL**

Dr. Juan F. Aranguren 4760 Tel. 67-0680

Fábrica de Lencería Fina

**M. TEKEL**

Ventas por Mayor

Gral. César Díaz 2771

Tel. 58 - 9876 Buenos Aires

**M. VENGEROW**

Escribano Público

Registro Nacional N° 251

Viamonte 1519 - 1° A Tel. 41 - 0587

**RELITEX S. A.**

Tte. Gral. Uriburu 866 Villa Lynch

**Confecciones ELEGANTES**

MAURICIO NOVICK S. R. L.

Cánning 367 - 2° piso Tel. 55-1380

**Tejidos DAITEX S. A. I. C.**

J. E. URIBURU 742/50 SAN MARTIN

**"MEGROTEX" S. A. I. C. F. I.**

Fábrica de Ropa Blanca

Malabia 451 Tel. 55-2822

**"CASTESA" S. A. I. C.**

Fábrica de Tejidos

Murature 227 Villa Lynch

## GERMAN BANET

S. A. I. C. F. e I.

FABRICA DE TEJIDOS

FRAZADAS Y VOILES

LAS HERAS 2145

Tel. 791 - 3949 / 0284 FLORIDA

**"MAIBA" S. A. C. I. F. e I.**

Tejidos y Confecciones por Mayor

Cánning 367 55-1380/54-7786

**ONIK & FAINGUERSCH**

Frazadas - Colchas - Sábanas

Acolchados

Lavalle 2319

Tel. 47 - 2024 Buenos Aires

**"AMBATEX" S.A.C.I.F.I.**

Tejidos y Confecciones por Mayor

Paso 535 48-7495/47-6427

**Oui, Madame!**

**Paño BELL VILLE**

Terminado en **Tintorería MORON S. A.**

Distribuidores:

**AMBATEX S. A.** - Paso 535

**MAIBA S. A.** - Cánning 367

GENTILEZA

**JAIME L. LEIBMAN**

GIRARDOT 1863 CAPITAL

GENTILEZA

**SADEMA S. A. de Manufacturas Textiles**

GIRARDOT 1863 CAPITAL

**SAUL KAUFMAN y Cía.**

Frazadas - Colchas - Blanco y Tapicería

Juegos de Divanes

Azcuénaga 578 Tel. 47 - 2030

**VARIETEX**

L. FEIGELIS

Frazadas - Colchas - Mantas - Mantelería
Sábanas bordadas - Tapicería
Tejidos en General

Pasteur 385 Tel. 47 - 0501

un prestigio especial, pues constituye un estímulo permanente para los alumnos de las escuelas primarias y secundarias.

Los jurados de este concurso lo constituyen: Un representante de la Central de Educación Israelita en la República Argentina, un representante de la Organización de maestros judíos y dos miembros de la Comisión Directiva de nuestra Asociación.

Cabe destacar que estos concursos escolares se realizan por 15 años consecutivos, en las cuales tomaron parte 956 alumnos entre los de escuelas primarias y secundarias.

En el año 1967, se constituyó una Comisión de Damas, que desarrolla una activa labor de divulgación cultural, especialmente dirigida a la mujer judía, organizando conciertos, conferencias y charlas de elevado nivel cultural.

Sólo una profunda y seria capacitación en la labor cultural, puede despertar respeto por la cultura judía y una firme voluntad para identificarse con ella.

Adhiérase a la Asociación Pro Cultura Judía, colabore con nuestra tarea, asóciese a nuestra institución que es el pilar fundamental en la difusión de los más altos valores culturales judíos.

## A TODOS LOS AMIGOS DE LA CULTURA JUDIA

La obra de mayor trascendencia del último período, es sin duda alguna la "CASA SIMON DUBNOW", hecha realidad, aún falta completar un adecuado equipamiento interior.

La posesión de la "CASA SIMON DUBNOW" nos pone frente a la magna tarea de convertirla en un instrumento de creatividad cultural.

El cálido interés demostrado por la comunidad en el proceso de la edificación de esta "CASA SIMON DUBNOW", nos alienta con esperanzas de un apoyo continuado que nos permitirá cumplir con la responsabilidad asumida.

**EDITORIAL:** La Asociación Pro Cultura Judía edita en estos momentos la obra en 10 tomos del insigne historiador Dr. Israel Zinberg, "Historia de la literatura judía", obra que es conceptuada como la máxima creación literaria de los judíos en Europa, en idish y en hebreo.

La Asociación Pro Cultura Judía ha editado hasta la fecha 16 tomos de la obra de nuestro más grande historiador, Prof. Simón Dubnow, cuya "Historia del Pueblo Judío" es una fuente de inspiración espiritual y conciencia nacional judía.

Hemos editado una obra de gran importancia del Prof. Boleslao Lewin, "Mártires y conquistadores judíos en Latinoamérica".

**PREMIOS Y CONCURSOS:** El premio "Sz. Niger" se ha convertido en una institución, cuyo renombre ha trascendido a todas las esferas culturales judías en todas las latitudes.

El premio **"Sz. Kaczerginski":** Este premio instituido para jóvenes escritores noveles en idioma idish, en homenaje al trágicamente desaparecido poeta.

Los trabajos premiados son publicados en un folleto "NUEVA GENERACION".

**CONCURSOS:** El ya tradicional concurso escolar anual, tiene características singulares y ha merecido en las esferas educacionales judías



"Casa Simón Dubnow"

# 20 ANIVERSARIO

de la

# Asociación Pro Cultura Judía

(CULTUR-CONGRESS)

CASA SIMON DUBNOW

AYACUCHO 483 — Teléfono 49-0080

BUENOS AIRES